***יום ראשון פרשת שלח***

בשעות הצהרים השתתף **רבינו שליט"א** אצל החומש סעודה לילדי התלמוד תורה במאנסי, שהתקיים בהיכל בית מדרשנו תפארת יהושע. המנהל הרה"ג רבי **יעקב יחזקי׳ אבערלענדער** שליט"א פתח את המסיבה. אחר דרשת **הרה"ג דומ"ץ דקהלתנו במאנסי שליט"א**, נשא **רבינו שליט"א** דברות קודש. בסיום המעמד עברו הילדים לקבל תהלים מידו של **רבינו שליט"א**.

***וזה תוכן הדברים:***

**איך** וויל באגריסען די חשוב'ע עלטערן און די זיידעס און די עלטער זיידעס וואס זענען זיך צוזאמגעקומען צו די חומש סעודה פון די קינדער און די אייניקלעך. מען האט פריער געהערט, אז עס איז א דערהויבענער זמן, מען זעהט נחת ביי די קינדער, זיי ווערן נתחנך צו תורה. עס איז היינט כ׳ סיון, א טאג וואס איז געווען א יום תענית אין אטייל מקומות, מען האט געזאגט סליחות. יודען זענען אדורכגעגאנגען אזעלכע ביטערע גזירות אין יענע צייטן, וואס עס איז חרוב געווארן אין פוילן אסאך קהלות פון יודען. ביי אונז אין אונגארן איז אויך אין די טעג חרוב געווארן כמעט דאס גאנצע יודענטום וואס איז געווען דארט. עס האט אויסגעקוקט ח"ו אזוי ווי יודישקייט צופאלט, און מען שטייט יעצט פינף און זיבעציג יאר שפעטער אין אמעריקא, און מען זעהט ב"ה ווי אזוי די דורות ציען זיך ווייטער. אז פון די אודים מוצלים מאש וואס איז געבליבן, איז אויפגעשטעלט געווארן צוריק דאס גאנצע כלל ישראל, וואס מען איז מחנך היינט די קינדער צו תורה און ערליכקייט אין א געוויסען זין שענער ווי מען האט אמאל מחנך געווען קינדער. דאס תמימות איז טאקע געווען אמאל מער, ערליכקייט איז אמאל געווען מער, אבער די כוחות וואס די תלמוד תורה לייגט אריין היינט אין די קינדער, שטייט אויף זייער א הויכע מדריגה. איז נאר דא אזויפיל, אז מען דארף מתפלל זיין, אז עס זאל זיך ווייטער ציען די גאלדענע קייט.

**דער** חשובער דיין האט פריער דערמאנט די ווערטער פונעם **חתם סופר** (בפרשתנו) ראשית עריסותיכם חלה תרימו תרומה (במדבר טו-כ), אז דאס גייט ארויף אויף די קינדער. מראשית עריסותיכם תתנו לה׳ תרומה ׳לדורותיכם׳ (שם טו-כא), וואס מען דארף זיי מפריש זיין א תרומה לה׳. איך וויל עס אביסעל מער מסביר זיין און צולייגען. יעדעס מאל ווען א מענטש שיידט אפ תרומה, האט ער א גאנצע כרי, א גאנצע הויפן מיט ווייץ, וואס אלע ווייץ זענען די זעלבע, אלע ווייץ זענען טבל, מען טאר עס נישט עסן אזוי ווי עס איז. ׳טבל׳ איז ׳טב לא׳, עס איז נישט גוט, עס איז נאך אויסגעמישט דערין די חלק הטוב מיט די חלק הרע. נאכדעם גייט דער מענטש, און ער נעמט זיין כרי און ער הייבט עס אן צוצוטיילען. ער נעמט ארויס איין ווייצל דערפון, חטה אחת פוטרת את הכרי (קידושין נח:) וואס די ווייץ זאל זיין תרומה. די ווייצל וואס ער האט ארויסגענומען, ווערט א אנדערע ווייץ פון וואס עס איז געווען ביז יעצט. דער ווייץ באקומט אויף זיך א קדושה, אזוי ווייט אז עס ברענגט צו א חיוב מיתה. דאס איז מיט איין ווייץ. נאכדעם גייט ער, און ער איז מפריש דערפון מעשר, וואס דאס האט אויך א געוויסע קדושה. נישט די זעלבע קדושה ווי די תרומה, זרים מעגן עס עסן, עס האט אנדערע סארט הלכות פון די תרומה. די איבריגע וואס בלייבט, איז חולין גמור, אן קיין שום הלכות.

**די** זעלבע איז יעדע יודישע שטוב, יעדע חדר, יעדע תלמוד תורה, יעדע כיתה וואו מען איז מחנך יודישע דורות, עס איז אזוי ווי תרומה. עס איז דא איין קינד וואס גייט אויסוואקסען, וואס ער וועט זיין קודש קדשים, אזוי האפט מען. ווייל אין יעדע חבורה איז אלץ דא איין קינד וואס שטארט ארויס, און עס וואקסט ארויס שפעטער פון אים, וואס די וועלט איז נהנה פון אים. אפילו נישט יעדער איינער וואקסט ארויס דער קודש קדשים, קען מען אבער אויסוואקסען אזוי ווי מעשר, וואס מען זאל אויך האבן אויף זיך א קדושה. עס איז דא אזעלכע וואס בלייבן חולין, דער אייבערשטער האט אזוי באשאפן די וועלט, אז נישט יעדער איינער איז זוכה אז עס זאל זיין תורתו אומנתו.

**ראשית** עריסותיכם, פון די קליינע קינדער, די ראשית וואס ליגן נאך אין די בעטן, חלה תרימו תרומה, איז מען מפריש פון זיי תרומה. איינס וועט זיין קודש קדשים, און די איבריגע וועלן זיין קודש,

און די איבריגע וועלן זיין ווייניגער. און אויף דעם דארף זיין 'חלה'. עס שטייט אין הייליגע ספרים, אז 'חלה' איז פון לשון בעטן, ויחל משה את פני ה' אלקיו (שמות לב-יא). 'ראשית עריסותיכם', פון אנהייב, פון ווען די קינדער זענען נאך קליין, 'חלה', דארף מען מתפלל זיין און בעטן, אז מיין קינד זאל זיין 'תרימו תרומה', אז איך זאל זוכה זיין צו דאס קינד וואס וועט אויסוואקסן, אז ער וועט זיין די תרומה.

**די** וועלט זאגט נאך אויף **רבי יוסף חיים זאנענפעלד זצ"ל**, אז ער האט אמאל מוסר געזאגט פאר א טאטן אין ירושלים, וואס האט אריינגעגעבן זיין זון אין א שוואכע תלמוד תורה, וואס מען לערנט דארט יודישקייט נאר אויפן שפיץ גאפל. און ער האט אים געפרעגט, פארוואס האסטו אריינגעגעבן דיין קינד אין אזא תלמוד תורה וואס מען לערנט דארט ווייניג. האט ער זיך אנגעהויבן צו פארענטפערן, אז עס איז גאנץ א פיינע תלמוד תורה, מען האלט דארט שבת, און מען עסט כשר'ס, וכדומה. האט אים רבי יוסף חיים געפרעגט, דו האלטס אז פון אזא חינוך וואס מען באקומט אין דעם פלאץ קען אויסוואקסען מלך המשיח. האט ער געזאגט, משיח נישט, אבער א וואילער יוד וועט ער אויסוואקסען. האט אים רבי יוסף חיים געזאגט, אז די גמרא (שבת קיט:) דרש'נט, אל תגעו במשיחי (דברי הימים א טז-כב), אלו תינוקות של בית רבן. ווען א טאטע האט א קינד, דארף ער זעהן און בעטן דערויף, אז מיין קינד זאל זיין דער מלך המשיח. פון איינע פון די קינדער, וועט דאך אויסוואקסען דער מלך המשיח. אל תגעו במשיחי, רירט'ס נישט צו אין חינוך פון קינדער, נאכלאזן פונעם חינוך, ווייל דו דארפסט האפן אז ער וועט אויסוואקסען דער מלך המשיח. אז דו זאגסט אז פון די תלמוד תורה קען נישט אויסוואקסען משיח, דארפסטו נישט שיקן דיין קינד דארט לערנען.

**יעדער** טאטע דארף מתפלל זיין, אז מיין קינד זאל זיין דער תרימו תרומה לה', ער זאל זיין דער איינער ווייץ וואס וועט ארויסקומען, וואס וועט אמאל באשיינען די וועלט. אבער דאס הייבט זיך נישט אן אין חדר, דאס איז 'ראשית עריסותיכם', דאס הייבט זיך אן אין שטוב, פונעם בעטל וואו דאס קינד איז. עס ווענדט זיך וואס פאר א חינוך מען גיט פארן קינד אינדערהיים, ווי אזוי מען געוואוינט דאס קינד צו ערליכקייט, צו קדושה וטהרה, אזוי וואקסט אויס דאס קינד. מען קען נישט טון אין שטוב אלעס וואס מען וויל. די שטוב זאל זיין א אפענע שטוב צו די גאנצע וועלט, אלעס קען אריינקומען דארט, און דאס קינד קען זיין עקספאס"ט צו אלעס וואס טוט זיך אויף די וועלט, און נאכדעם וויל ער, אז זיין קינד זאל זיין קודש קדשים. עס גייט נישט. א שטוב וואס מען וויל אז עס זאל אויסוואקסען א קינד קודש קדשים, דארף די שטוב זיין הייליג. ווען די שטוב איז הייליג, דעמאלטס קען אויסוואקסען שפעטער א ערליך קינד.

**מיר** האבן געלערנט די וואך אין פרקי אבות (אבות ב-ח) אז אויף רבי יהושע בן חנניא וואס איז געווען פון די גרעסטע חכמי ישראל. האט מען געזאגט, אשרי יולדתו, וואיל איז די מאמע וואס האט אים געבוירן. זי האט גענומען זיין קליינע וויגעלע, און זי האט עס אריינגעלייגט אין בית המדרש, אז דאס קליין קינד זאל הערן א קול פון תורה (ירושלמי יבמות ח:). וואס פאר א השפעה דאס האט, די חכמים האבן עס מפליא געווען, און זיי האבן געזאגט, אז דאס וואס ער האט זוכה געווען צוצוקומען צו אזא מדריגה איז, ווייל ער האט אייביג געהערט דברי תורה. דאס קינד האט נישט געהערט קיין דברים בטלים, דאס קינד האט נישט געהערט זאכן וואס ער דארף נישט צו הערן, ער האט זיך נאר אנגעזאפט די אויערן מיט דברי תורה. אפילו ער איז נאר געווען א קליין קינד, קליינערהייט, וואס פאר השפעה דאס האט. דאס איז דער ראשית עריסותיכם חלה תרימו תרומה, פון ווען מען הייבט אן מחנך צו זיי דאס קינד, זאל עס נאר זיין אפען צו זאכן וואס איז קודש און קדשים, דעמאלטס קען אויסוואקסען א קינד וואס וועט זיין תרומה.

**יעדע** טאטע און יעדע מאמע וואונטשט זיך אויף דעם, און מען איז מתפלל, מען פארגיסט טרערן, אז מיין קינד זאל אויסוואקסן א תלמיד חכם, מיין קינד זאל זיין א ערליכער יוד, ער זאל קענען שפעטער באשיינען די וועלט. יעדעס קינד איז א בעל כשרון וואס קען צוקומען דערצו, עס איז נישט דא קיין סעקענ"ד קלע"ס נשמות. יעדע נשמה איז א הייליגע נשמה, און אז מען גיט פאר א קינד אזא חינוך, וואס מען לייגט אריין אין אים ערליכקייט, קען מען האפן דערצו, און אויסווארטען אז דער באשעפער זאל געבן, אז מיין קינד זאל זיין דער קינד וואס וועט אויסוואקסען קודש קדשים.

**אלעס** נעמט זיך פון די התחלה, בשעת א קינד הייבט אן צו לערנען חומש, מען קומט זיך צוזאם צו ווייזן פאר די קינדער, ווי ווייט מען האפט און מען שטרעבט אז דאס קינד זאל אויסוואקסען גרויס אין תורה. זאל דער אייבערשטער געבן אז מען זאל קענען מחנך זיין די קינדער לתורה ולחופה ולמעשים טובים. - איך וויל עקסטער אפגעבן א הכרת הטוב פארן חשוב'ן מנהל רוחני, וואס לייגט אריין אויסערגעווענליע כוחות אינעם תלמוד תורה. דער חשובער מנהל גשמי וואס טראגט אויף זיך דעם גאנצען עול, אז מען זאל קענען האבן די תלמוד תורה, אם אין קמח אין תורה (אבות ג-כא). דער חשובער מלמד וואס האט אראפגעלייגט אזא שיינע ארבעט מיט די קינדער, עס איז ממש צו באוואונדערן ווי יעדעס קינד האט מיטגעהאלטן. זאל דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל קענען ווייטער מרחיב זיין די גבולי הקדושה בשמחה ובטוב לבב. דער באשעפער זאל שוין דערפרייען די הערצער פון יודישע קינדער, און מיר זאלן זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר החומש סעודה נסע **רבינו שליט"א** לעיר פענסילוועניע, לקצירת חיטים למצות מצוה עבור חג הפסח שנת תש"פ הבעל"ט. **רבינו שליט"א** בדק איכות החטים מכמה מקומות בשדה, וקצר במגל יד לשם מצות מצוה למשך זמן.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי בשולחן ערוך (או"ח הלכות ברכת המזון סימן קפ"ח סעיף י') בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע העעל"ט.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**מען** לערנט יעצט מסכת יומא. אין פרשת אחרי, סוף פון די עבודה פון יום כיפור, שטייט אין פסוק (ויקרא טז-לד) והיתה זאת לכם לחוקת עולם, דאס זאל זיין פאר ענק א חוקת עולם, לכפר על בני ישראל וגו' אחת בשנה, איין מאל אין יאר וועט דער אייבערשטער מכפר זיין אויף די עונות. אלעס וואס שטייט אין די תורה איז לחוקת עולם, זאת התורה לא תהא מוחלפת, ולא תהא תורה אחרת מאת הבורא יתברך שמו. פארוואס שטייט דא והיתה זאת לכם לחוקת עולם, אז דאס וועט זיין א חוקת עולם.

**עס** שטייט די פאריגע וואך אין די פרשה, אז דער אייבערשטער האט אויסגעקליבן די לויים אז זיי זאלן טון די עבודה אינעם משכן, און מען זאל זיי צוגרייטן, הזה עליהם מי חטאת, סמיכה, תנופה, נאכדעם והיו לי הלוים (ויקרא ח-יד), די לויים וועלן זיין צו מיר. עס שטייט אין מדרש (ויק"ר ב-ב) אז וואו עס שטייט 'לי', איז עס לעולמי עולמים, די לוים וועלן בלייבן טון די עבודה אין בית המקדש, לעולמי עולמים. מען האפט דאך אז דער בית המקדש וועט ווערן אויפגעבויט, און דעמאלטס וועט אויך זיין די עבודה דורך די לויים.

**איך** האב געזעהן אין ספר **מהרי"ל דיסקין**, פון **רבי יהושע לייב דיסקין זצ"ל** (בפרשתנו), פרעגט ער, פארוואס דארף מען דא א עקסטערע פסוק והיו לי הלוים, אז די לוים וועלן זיין שטענדיג. פארוואס זאלן זיי נישט זיין שטענדיג? זאגט ער, אז קודם איז דאך געווען די עבודה דורך די בכורים. מען זעהט אז יעקב האט צוגענומען די בכורה פון עשו, ווייל די בכורים האבן געטון די עבודה. דאס האט אנגעהאלטן ביז צום חטא העגל. ביים חטא העגל, אזוי ווי יודען האבן געזינדיגט, און שבט לוי איז געווען די איינציגסטע שבט, וואס זענען נישט נכשל געווארן ביים חטא העגל. מי לה' אלי, ויאספו אליו כל בני לוי (שמות לב-כו), זענען די בכורים גע'פסל'ט געווארן, און אנשטאט דעם זענען אויסגעקליבן געווארן די לוים.

**זאגט** דער מהרי"ל דיסקין, איז דאך דא א סברא צו זאגן, אז ווען משיח וועט קומען, און עס וועט מתוקן ווערן אלע עבירות וואס מען האט געטון, און עס וועט זיין ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ, עס וועט זיין דער עולם התיקון, וועט דאך מתוקן ווערן אלע עבירות וואס מען האט געטון פאר דעם, וועט דאך דער חטא העגל אויך מתוקן ווערן. און אז דער חטא העגל וועט מתוקן ווערן, קען זיין אז די בכורים וועלן צוריקקומען, און זיי וועלן קענען טון די עבודה. מען האט דאך נאר געגומען די לוים ווייל מען האט נישט געקענט נוצן די בכורים, ווייל זיי האבן געזינדיגט ביים חטא העגל, אבער טאמער עס

וועט מתוקן ווערן דער חטא העגל, קען מען דאך צוריקנעמען די בכורים. וועגן דעם מוז איך האבן א פסוק והיו לי הלוים, אז די לויים וועלן בלייבן אויף שטענדיג. [עס איז דא א מחלוקת אין די מדרשים, צו די לויים וועלן טאקע בלייבן אויף שטענדיג, און די בכורים וועלן אינגאנצן נתבטל ווערן, אזוי ווי יעצט. דער **אור החיים הק'** (במדבר ג-מה) האלט, אז שפעטער וועלן זיין סיי די בכורים און סיי די לויים. די בכורים וועלן צוריקקומען, און ביידע וועלן טון די עבודה]. על כל פנים, עס וואלט געווען א סברא צו זאגען, אז ווען משיח וועט קומען, וועט בטל ווערן די עבודה פון די לוים, און עס וועט צוריקגיין צו די בכורים.

**מען** געפונט ביים חטא העגל האט אהרן געזאגט, חג לה' מחר (שמות לב-ה), מארגען וועט זיין א חג פארן אייבערשטען. די מפרשים שטעלן זיך, מילא ער האט געמוזט טון דעם עגל, ווייל ער האט נישט געהאט קיין ברירה, ער האט געזעהן אז מען האט גע'הרג'ט חור, און ער האט מורא געהאט אם יהרג במקדש ה' כהן ונביא (איכה ב-כ), האט ער געמאכט דעם עגל. אבער ער זאל זאגן אזא אויסדרוק, חג לה' מחר, מען גייט דינען עבודה זרה, עס גייט זיין א חג פארן אייבערשטען.

**נאר** אונז ווייס מיר, אז תשובה מאהבה איז זדונות נעשו לו כזכיות (יומא פו.). קומט אויס, אז לעתיד לבא ווען יודען וועלן טון תשובה מאהבה, וועט דער חטא העגל נתהפך ווערן, און עס וועט ווערן דערפון א זכות. דער חטא העגל איז דאך געווען די גרעסטע עבירה וואס כלל ישראל האט געטון, און די גרעסטע עבירה וועט נתהפך ווערן פאר די גרעסטע סארט מצוה. האט ער געזאגט, חג לה' מחר, יש מחר לאחר זמן (רש"י שמות יג-יד), יעצט איז מען אדורכגעפאלען, מען האט געזינדיגט, אבער חג לה' מחר, דאס וועט נאך אמאל זיין א חג פארן אייבערשטען. ווייל מען וועט מתקן זיין אלעס וואס מען האט געזינדיגט, און עס וועט ווערן אויס עבירה, עס וועט ווערן דערפון זכיות, וועט עס זיין א חג פארן אייבערשטען. זעהט מען פון דעם, אז דער חטא העגל וועט מתוקן ווערן לעתיד לבוא, און עס וועט ווערן אויס חטא.

**דער** כהן גדול האט געטון די עבודה יעדן טאג מיט די שמונה בגדים, אויסער יום כיפור האט ער געטון די עבודה מיט פיר בגדים. פארוואס, ווייל אין קטיגור נעשה סניגור (ירושלמי יומא ז-ד). מען האט געזינדיגט מיטן חטא העגל של זהב, קען נישט זיין אז דער זהב זאל אריינגיין און מכפר זיין אויף יודען. וואלט געווען א סברא צו זאגען, אז לעתיד לבוא ווען עס וועט מכופר ווערן דער חטא פונעם עגל, און עס וועט מער נישט זיין קיין קטיגור, זאל זיין די עבודה יום כיפור אין בית המקדש מיט די שמונה בגדים. ווייל דער גאנצער טעם איז דאך נאר, ווייל אין קטיגור נעשה סניגור, דאס איז נאר ווילאנג עס איז דא א קטיגור, אבער טאמער עס איז אויס קטיגור, עס וועט מתוקן ווערן דער חטא פונעם עגל, וואלט געווען א סברא צו זאגען, אז עס וועט זיך טוישן די הלכה, און דער כהן גדול וועט קענען טון די עבודה מיט די שמונה בגדים. זאגט די תורה, והיתה זאת לכם לחוקת עולם, וואס עס איז געשטאנען אויבן דאס וועט בלייבן א חוקת עולם, אפילו עס וועט בטל ווערן דער טעם פונעם חטא העגל, פון דעסטוועגן דאך וועט מען טון די עבודה מיט די פיר בגדים. ווייל דאס וואס מען טוט נישט די עבודה מיט די שמונה בגדים, אין פשטות איז דער טעם מכח אין קטיגור נעשה סניגור, אבער יעדע זאך אין די תורה, איז דא צענדליגער טעמים פארוואס דער אייבערשטער האט אזוי מצווה געווען. עס איז דא א ענין, אז די עבודה זאל נישט געטון ווערן מער פון פיר בגדים, און זיי זאלן זיין בגדי לבן. איז כאטש עס וועט בטל ווערן די פשוטע טעם פון אין קטיגור נעשה סניגור, אבער והיתה זאת לכם לחוקת עולם, וועט עס בלייבן א חוקת עולם.

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל המסיבה לאור הצלחת המבחן הפומבי של תלמידי כיתה ט' בתלמוד תורה בבארא פארק, שהתקיים באולם בית אסתר. **רבינו שליט"א** חילק הפרסים להתלמידים, והשמיע דברי ברכה, וזה תוכנה: איך וויל באגריסן די חשובע בחורים וואס האבן זיך מייגע געווען אויף תורה אלע זייערע יארן ביז יעצט. און מען דארף דאנקען דעם אייבערשטען אז מען האלט ביי אזא מעמד, וואס מען לאזט איבער די תלמוד תורה, און מען גייט אריין אין ישיבה לערנען. יעצט איז די ריכטיגע צייט וואס מען דארף מקבל זיין אויף זיך עול תורה. ווי אזוי מען וועט זיך אהערשטעלן די קומענדיגע

פאר יאר, דאס וועט בלייבן אויפן גאנצן לעבן שפעטער, כי הם חיינו ואורך ימינו. כל המקבל עליו עול תורה, מעבירין ממנו עול מלכות ועול דרך ארץ (אבות ג-ו), אז מען נעמט אויף זיך עול תורה, טוט מען מיט דעם אראפנעמען פון זיך אלע אנדערע פראבלעמען וואס מען האט שפעטער אין לעבן. מען דארף געדענקן אז די ציל פונעם לעבן אויף די וועלט, איז נישט פאר עולם הזה, עס איז מיט א ציל אויסצוואקסען תלמידי חכמים יראי ה׳, מען זאל זוכה זיין צו חיי עולם הבא. די וועלט איז נישט מער ווי א פרוזדור לפני טרקלין, התקן עצמך בפרוזדור כדי שתכנס לטרקלין (אבות ד-טז). זאל דער אייבערשטער געבן, אז עטץ זאלטס וואקסען גרויסע תלמידי חכמים און ערליכע יודען, און די עלטערן מיט די זיידעס וואס זיצן דא, זאלן ווייטער זעהן אסאך תענוג ונחת ביי אלע זייערע קינדער און אייניקלעך. און מיר אלע זאלן האבן א געזונטען זומער, און זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

***יום שני פרשת שלח***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט״א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר השיעור השמיע דברי הכנה לימי הקיץ, וזה תוכנה: עס קומען יעצט צוויי חדשים וואס מען האט אינעם יאר, די צייט וואס מען איז אין קאנטרי אפגעזונדערט פון די וועלט, וואס מען האט נישט די אלע פראבלעמען וואס איז דא אין די שטאט, און מען דארף מאכן א געהעריגע הכנה ווען מען גייט ארויס אהין. זיך פארנעמען אויסצונוצן די צייט וואס מען איז דארט, אז מען זאל שטייגען. **אז א בחור וויל שטייגען, איז עס די שענסטע צייט אינעם יאר, וואס ער קען זיך טוישן, און שטייגען אויף גאר א הויכע מדריגה.** ער האט נישט קיין שום טירדות דארט, קיין שום זאך וואס שטערט אים, פון צופרי ביז ביינאכט קען ער עוסק זיין בתורה רואיגערהייט. אלעס איז צוגעשטעלט פאר א בחור אויפן העכסטן פארנעם וואס איז שייך. און רוב בחורים נוצן טאקע אויס דעם זומער, און מען גייט אהיים נאכן זומער א אנדערער סארט בחור פון וואס מען איז געווען. די שבתים זענען אנדערש, די וואכעדיגע טעג זענען אנדערש, עס איז איין חטיבה פון צוויי חדשים, וואס מען פירט זיך זייער שיין.

**איך** האב נאר געוואלט מעורר זיין אויף די פאר טאג ביז צום קעמפ. עס איז אפאר טאג וואס איז נישט דא קיין ישיבה, מען זאל אויסנוצן די צייט, זיצען אין בית המדרש, און זיך נישט ארומדרייען אויף די גאסן. ישיבה איז נישט דא, און אין קעמפ איז מען נאכנישט געגאנגען, עס איז אינגאנצן דא אפאר טאג. עס איז דער זעלבער באשעפער, און עס איז די זעלבע מצוה פון לימוד התורה, און די זעלבע נסיונות וואס איז דא א גאנץ יאר, איז דא נאך מער אין די צייט וואס מען האט נישט קיין ישיבה. אויסנוצן די צייט, נעמען זיך חברותות, לערנען ׳ובהם נהגה׳, צו אפילו א פרישע לימוד, אדער אנדערע לימודים וואס מען זאל לערנען. די פאר טאג וואס איז דא ביז צום קעמפ קען מען אסאך קונה זיין. מען זאל עס נישט מבזבז זיין, און פארלירן, און ח״ו עס זאל צוקומען צו א הפסד.

*

אחר כך נסע **רבינו שליט״א** לישיבה קטנה, והתפלל שם תפלת מנחה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט״א** לסידור קידושין אצל החופה של בת הר״ר **יוחנן אליעזר כ״ץ** הי״ו, עב״ג בן הר״ר **אברהם האלד** הי״ו, שהתקיים באולם פרדס צבי.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט״א** אצל השבע ברכות של בן הרב **יוסף צבי קאהן** שליט״א, עב״ג בת הר״ר **אליהו נאסס** הי״ו, שהתקיים באולם בעדפארד פערעדייס. **רבינו שליט״א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך חזר **רבינו שליט״א** להחתונה של בת הר״ר **יוחנן אליעזר כ״ץ** הי״ו, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט״א** אצל החתונה של בן ש״ב הרב **הערש לייב פאללאק** שליט״א (חתן גיסו הגה״צ אב״ד וואדקערט שליט״א), עב״ג בת **הרב מרדכי אפרים פישל אילאוויטש** שליט״א, שהתקיים באולם פרדס

פיגא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שלישי פרשת שלח***

בשעות אחר הצהרים נכנסו תלמידי כיתה ט' של התלמוד תורה בוויליאמסבורג (כיתה של הרב **יואל זאפיר** שליט"א, ושל הרב **עזריאל מנחם ליכטמאן** שליט"א), להבחן אצל **רבינו שליט"א** על פרק א' וב' דמסכת קידושין שלמדו במשך שנה זו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**איך** האב געהערט אז מען האט זייער פלייסיג געלערנט. נישט נאר די לעצטע פאר טעג ווען מען האט געדארפט אלעס איבער'חזר'ן, נאר פאר דעם אויך. און דאס איז נאר געווען מפי שמיעה, וואס איך האב געהערט. ווען איך האב פארהערט, האב איך געזעהן על פי הראיה, אז עס איז אמת וואס מען האט מיר געזאגט, אז מען האט פלייסיג געלערנט. ווייל עס איז דא א כלל, 'אז מען לערנט נישט, קען מען נישט'. און אז מען קען יא, איז א סימן אז מען האט געלערנט. די גרעסטע סימן אז מען האט געלערנט איז, אז מען קען.

**איך** האב געוואלט מעורר זיין אויף צוויי זאכען. איינס, עס קומט זומער, און מען גייט אין קעמפ. ב"ה עס איז צוגעגרייט זייער א שיינעם פראגראם פארן קעמפ, וואס אלע יארן שטייט כיתה ט' אויף א הויכע מדריגה אינעם קעמפ, און איך האף אז מען וועט דאס יאר נישט קאליע מאכן דעם גוטע נאמען וואס כיתה ט' האט. מען לערנט פלייסיג און מען פירט זיך אויף שיין. מען איז שוין נישט קיין קינדער, מען זונדערט ענק שוין אפ יעצט פונעם תלמוד תורה, א עקסטערע בנין, א אנדערע ווינקל, אנדערע זמנים, און מען דארף אויסנוצן די צייט. עטץ זענטס שוין גרויסע בחורים, עטץ זענטס שוין נישט קיין יונגעלעך, און אלע פרייע צייט וואס מען האט, דארף מען אוועקגעבן פאר תורה, איבערצו'חזר'ן וואס מען האט געלערנט במשך פונעם יאר, און קונה זיין א שלימות אין נייע ענינים וואס מען לערנט אין די צוויי חדשים וואס מען איז אין קעמפ.

**אט** אט ענדיגט זיך די קעמפ אויך, און מען גייט אריין אין ישיבה, עס איז א פרישע התחדשות ביי יעדן בחור, מען טוישט זיך אינגאנצן פון וואס מען איז געווען פאר דעם. מען גייט ארויס פונעם בנין פונעם חדר, און מען גייט אריין אין ישיבה לערנען, און מען דארף מקבל זיין אויף זיך עול תורה. אז מען האט א גוטען זומער, מען האט פלייסיג געלערנט זומער, איז גרינגער נאכדעם אריינצוגיין אין ישיבה, ער האט שוין געמאכט די התחלה. אבער אויב די זומער איז א הפקר'דיגער זומער, איז נאכדעם ווען מען דארף אריינגיין אין ישיבה, און אנהייבן פון דאסניי, איז די עול תורה זייער שווער. מען דארף זעהן דעם זומער אויסצונוצן, אז יעדע פרייע צייט וואס מען האט, זאל מען זיצן און לערנען. און נאכדעם ווען מען גייט אריין אין ישיבה, איז די ישיבה א תענוג. מען שפירט א טעם אינעם לערנען, מען שטייגט און מען וואקסט אויס. זאל דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל קענען ווייטער אויך ממשיך זיין, און קענען אסאך מסכתות, אויסוואקסן תלמידי חכמים און ערליכע יודען. און ענקערע עלטערן, און ענקערע רבי'ס, זאלן זעהן ביי ענק אסאך יודיש נחת.

*

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לסידור קידושין אצל החופה של בן הר"ר **שמואל דוד פישער** הי"ו (מנכ"ל מוסדותנו הק' בוומסב"ג) עב"ג בת הר"ר **שלום ווייס** הי"ו, שהתקיים באולם אימפיריעל. - אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** להחתונה, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום רביעי פרשת שלח***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **הערשי פיש** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לסידור קידושין אצל החופה של החתן **ישראל** נ"י בן הר"ר **אברהם טענענבוים**

הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יוסף ארי׳ פעלזן** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס פיגא.

אחר החופה התקיים בבית **רבינו שליט"א** מסיבת לחיים לרגל האירוסין של החתן **שלמה** נ"ו בן **הרה"ג רבי שמחה אהרן שטראהלי שליט"א** דומ"ץ דקהלתנו הק׳ בוומסב"ג, עב"ג בת הר"ר **יחזקאל מענצער** הי"ו. ולרגל האירוסין של בת הרב **לוי יצחק לינדנער** שליט"א, עב"ג בן הר"ר **משה גרין** הי"ו,

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הר"ר **בן ציון חיים לאנדא** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יעקב שלייפער** הי"ו, שהתקיים באולם ויואל משה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של בן הר"ר **אברהם טענענבוים** נ"ו. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום חמישי פרשת שלח***

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת ברוין שיחי׳, שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אלמנת הר"ר **משה יצחק ברוין** ע"ה).

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** למחנה מתיבתא נחלת יעקב לשהות שם במשך הקיץ, ביחד עם בחורי ישיבתנו הק׳.